# זהר הקדוש מיט פירוש מתוק מדבש

## אויף די פרשה און עניני דיומא

נתנדב לעילוי ולטובת נשמת הר"ר ישעיה ז"ל בן יבלחט"א הר"ר אהרן הכהן הי"ו

עלון מס' 107 | פרשת תולדות תשפ"ג

יו"ל בעזהשי"ת ע"י
מרכז "מתוק מדבש" ת.ד. 5315 ירושלים

לוח עמוד היומי בזוה"ק פרשת ויצא

חלק ח – פרשת ויקהל

| יום | וילנא | מתוק מדבש |
|---|---|---|
| ראשון | רז ע"א | שכה-שלא |
| שני | רז ע"ב | שלא-שלח |
| שלישי | רח ע"א | שלח-שדמ |
| רביעי | רח ע"ב | שדמ-שנא |
| חמישי | רט ע"א | שנא-שנו |
| שישי | רט ע"ב | שנו-שסג |
| שב"ק | רי ע"א | שסג-שסט |

## צורת אברהם נשארה ביצחק להראות לו חיבה יתירה

**וְאֵלֶּה תּוֹלְדוֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם, אָמַר רַבִּי יוֹסֵי** מקשה **מַאי שְׁנָא דְּעַד הָכָא לָא כְּתִיב בֶּן אַבְרָהָם וְהַשְׁתָּא אָמַר** מהו השינוי שעד עתה לא כתוב ביצחק הלשון בן אברהם ועתה אחר שנפטר אברהם אמר הכתוב בן אברהם, ואמר **אֶלָּא אַף עַל גַּב דִּכְתִיב** ויהי אחרי מות אברהם **וַיְבָרֶךְ אלהי"ם אֶת יִצְחָק בְּנוֹ** ר"ל אעפ"י שהיה לי להקשות נמי מפסוק זה למה הזכיר מלת בנו אחר פטירת האב, מכל מקום איני מקשה אלא מדכתיב בן אברהם שהוא יותר מיותר שהם ב' מלות יתירות, ומתרץ **הַשְׁתָּא דְּמִית אַבְרָהָם** עתה שמת אברהם הוה אמינא שנשתנתה צורתו של יצחק כי כבר אין חשש של ליצני הדור, עכ"ז **דְּיוֹקְנֵיהּ הֲוָה בֵּיהּ וְאִשְׁתְּאַר בֵּיהּ בְּיִצְחָק** צורתו של אברהם נשארה ביצחק להראות לו חיבה יתירה **דְּכָל מַאן דְּחָמֵי לְיִצְחָק הֲוָה אָמַר דָּא אַבְרָהָם וַדַּאי** עד שכל מי שראה את יצחק אמר שהוא אברהם ודאי, **וַהֲוָה סָהִיד וְאָמַר** והעיד ואמר **אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק.**

**רַבִּי יִצְחָק קָם לֵילְיָא חַד** (דף קלה ע"ב) **לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא** ר' יצחק קם לילה אחד לעסוק בתורה, **וְרַבִּי יְהוּדָה קָם בְּקֵסָרוֹי בְּהַהִיא שַׁעְתָּא** ובאותה שעה קם גם ר' יהודה בהיכלו לעסוק בתורה (בלשון ערב נקרא היכל קסר), **אָמַר רַבִּי יְהוּדָה אֵיקוּם וְאֵיזִיל לְגַבֵּי רַבִּי יִצְחָק** אמר רבי יהודה אקום ואלך אל ר' יצחק, **וְאִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא וְנִתְחַבַּר כַּחֲדָא** ואעסוק עמו בתורה ונתחבר יחד, **אֲזַל עִמֵּיהּ חִזְקִיָּה בְּרֵיהּ דַּהֲוָה רַבְיָא** הלך עמו חזקיה בנו שהיה עדיין ילד, **כַּד קָרִיב אַבָּבָא** כשנתקרב אל

### אידיש

## די צוּרָה פוּן אַבְרָהָם אִיז גֶעבְּלִיבְּן אִין יִצְחָק, אִים צוּ וַוייזְן אַ פַאְרמֶערְטֶע לִיבְּשַׁאפְט

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן אַבְרָהָם", אוּן דָאס זֶענֶען דִי קִינְדֶער פוּן יִצְחָק דֶער זוּן פוּן אַבְרָהָם, הָאט רַבִּי יוֹסֵי גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס אִיז אַנְדֶערְשׁ, אַז בִּיז יֶעצְט שְׁטֵייט נִישְׁט בַּיי יִצְחָק דֶער לָשׁוֹן "בֶּן אַבְרָהָם", דֶער זוּן פוּן אַבְרָהָם, אוּן נָאר יֶעצְט, נָאכְדֶעם וָואס אַבְרָהָם אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן זָאגְט דֶער פָּסוּק "בֶּן אַבְרָהָם", נָאר, כָאטְשׁ עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יִצְחָק בְּנוֹ", אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאכְדֶעם וָואס אַבְרָהָם אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן הָאט גָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיין זוּן יִצְחָק, דָאס הֵייסְט, אַז כָאטְשׁ לִכְאוֹרָה אִיז אוֹיךְ שְׁוֶוער פוּן דֶעם פָּסוּק, פַארְוָואס דֶערְמַאנְט עֶר דִי וָוארְט "בְּנוֹ", זַיין זוּן, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דֶער טַאטֶע אִיז נִפְטַר גֶעוָוארְן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פְרֶעגְט מֶען נָאר פוּן דֶעם וָואס עֶס שְׁטֵייט "בֶּן אַבְרָהָם", ווייבַּאלְד דָא זֶענֶען דָא צְוֵויי אִיבֶּעריגֶע ווערְטֶער, עֶנְטְפֶערְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אַז יֶעצְט אַז אַבְרָהָם אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וָואלְט אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז דִי צוּרָה פוּן יִצְחָק אִיז אַנְדֶערְשׁ גֶעוָוארְן ווייבַּאלְד עֶס אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דֶער חֲשַׁשׁ פוּן דִי לֵיצָנֵי הַדּוֹר, (ווייל מֶען קֶען דָאךְ שׁוֹין נִישְׁט זֶעהְן דִי צוּרָה פוּן אַבְרָהָם) פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיבְּן דִי צוּרָה פוּן אַבְרָהָם אוֹיף יִצְחָק, אִים צוּ וַוייזְן אַ פַארְמֶערְטֶע לִיבְּשַׁאפְט, אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעזֶען יִצְחָק, הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז זִיכֶער אַבְרָהָם, אוּן עֶר הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט "אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת יִצְחָק", אַבְרָהָם הָאט גֶעבּוֹירְן יִצְחָק.

**פַארְצֵיילְט** דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, רַבִּי יִצְחָק אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אֵיין נַאכְט צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, אוּן אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט אִיז אוֹיךְ רַבִּי יְהוּדָה אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִין זַיין הֵיכָל צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, הָאט רַבִּי יְהוּדָה גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ רַבִּי יִצְחָק, אוּן אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען תּוֹרָה מִיט אִים אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ צוּזַאמֶען פַארְאֵייניגְן, אִיז זַיין זוּן חִזְקִיָּה, וָואס אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ קִינְד, גֶעגַאנְגֶען צוּזַאמֶען מִיט אִים. וֶוען עֶר הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דִי

הדלת, **שָׁמַע לֵיהּ לְרַבִּי יִצְחָק דַּהֲוָה אָמַר** שמע מאחורי הדלת את ר׳ יצחק שהקשה על הפסוק **וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם, וַיְבָרֶךְ אלהי״ם אֶת יִצְחָק בְּנוֹ, וַיֵּשֶׁב יִצְחָק עִם בְּאֵר לַחַי רֹאִי** הנה ג׳ חלוקות יש בפסוק זה שלכאורה אין להם קשר זה עם זה, לכן מקשה **הַאי קְרָא לָאו רֵישֵׁיהּ סֵיפֵיהּ** פסוק זה אין ראשו כסופו, **וְלָאו סֵיפֵיהּ רֵישֵׁיהּ** ולא סופו כראשו, והקשה עוד **מַאי שְׁנָא דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִצְטְרִיךְ לְבָרְכָא לֵיהּ לְיִצְחָק** מה טעם שהקב״ה היה צריך לברך את יצחק, אלא ודאי **בְּגִין דְּאַבְרָהָם לָא בָּרְכֵיהּ** לפי שלא ברכו אברהם אביו, הרי שיש קשר בין ראש הפסוק לאמצעיתו, כי לפי שמת אברהם ולא ברך את יצחק לכן בא הקב״ה וברכו, וקשה **מַאי טַעֲמָא** למה לא ברך אברהם את יצחק, ומתרץ **מִשּׁוּם דְּלָא יִתְבָּרֵךְ עֵשָׂו** כדי שלא יתברך עשו, כי אין כח באדם לברך באופן שתחול הברכה רק על אחד מזרעו של המתברך ולא על השני, **וְעַל דָּא סָלִיק** (ה״ג הרמ״ק) **אִינּוּן בִּרְכָאן לְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְאוֹקְמוּהּ** ועל כן העלה ומסר אברהם את הברכות להקב״ה שהוא יברך את יצחק, כי הוא יודע לברך שתחול הברכה רק על חלק יעקב שביצחק ולא יתברך עשו וכבר פירשו חז״ל כן, ומש״כ **וַיֵּשֶׁב יִצְחָק עִם בְּאֵר לַחַי רֹאִי** ושואל **מַאי לַחַי רֹאִי** למה נקראת הבאר לחי ראי, ומתרץ **אֶלָּא דְּאִתְחַבַּר בָּהּ בִּשְׁכִינְתָּא** אלא שלפי שיצחק נתחבר בשכינה ששרתה על אותה הבאר לכן היה ראוי לברכה וברכו הקב״ה, ומפרש כי מלות באר לחי ראי פירושם **בֵּירָא דְּמַלְאָךְ קַיָּימָא אִתְחֲזֵי עֲלָהּ כְּתַרְגּוּמוֹ** באר שמלאך הברית שהוא השכינה נראתה עליה, וכיון שנגלתה שם השכינה פעם אחת לכן קבע לו יצחק אותו מקום להתבודד בו ולהתחבר שם עם השכינה, **וּבְגִין כָּךְ בֵּרְכֵיהּ** ובשביל זה ברכו הקב״ה, הרי שיש קשר לג׳ חלוקי הפסוק. (דף קלה ע״א-ע״ב, ובביאורינו כרך ג עמ׳ קמד-קמה)

## הצדיקים בתפלתם מוסיפים כח למעלה להמשיך השפעות לכל הנצרך

**וַיֶּעְתַּר יִצְחָק** פירוש **דְּצַלֵּי צְלוֹתֵיהּ** שהתפלל תפלתו, ובזה **וְחָתַר חֲתִירָה לְעֵילָּא לְגַבֵּי מַזָּלָא עַל בְּנִין** וחתר חתירה

### אידיש

טִיר, הָאט עֶר גֶעהֶערְט פוּן אוּנְטֶערְן טִיר וִוי רַבִּי יִצְחָק הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיפְן פָּסוּק "וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם, וַיְבָרֶךְ אֱלֹקִים אֶת יִצְחָק בְּנוֹ, וַיֵּשֶׁב יִצְחָק עִם בְּאֵר לַחַי רֹאִי", אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען נָאכְדֶעם וָואס אַבְרָהָם אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט גָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט זַיין זוּן יִצְחָק, אוּן יִצְחָק הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט בַּיים בְּאֵר לַחַי רֹאִי, אָט דִי דְרַיי עֶרְלֵיי זַאכְן וָואס שְׁטֵייעֶן אִינֶעם פָּסוּק, הָאבְּן לִכְאוֹרָה נִישְׁט קֵיין פַארְבִּינְדוּנְג אֵיינְס מִיטְן אַנְדֶערְן, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט, אַז דֶער פָּסוּק, אִיז זַיין אָנְהֵייבּ נִישְׁט אַזוֹי וִוי זַיין עֶנְדֶע אוּן זַיין עֶנְדֶע אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי זַיין אָנְהֵייבּ, אוּן נָאךְ הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט, וָואס אִיז דֶער טַעַם אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעדַארְפְט בֶּענְטְשְׁן יִצְחָק, נָאר, דָאס אִיז וִוייבַּאלְד זַיין טַאטֶע אַבְרָהָם הָאט אִים נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט, זֶעעֶן מִיר שׁוֹין אַז עֶס אִיז דָא אַ קֶשֶׁר צְווִישְׁן דֶעם אָנְהֵייבּ פוּן דֶער פָּסוּק מִיט דֶער מִיטְלְסְטֶער טֵייל, וַוייל וִוייבַּאלְד אַבְרָהָם אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט יִצְחָק, דֶערִיבֶּער אִיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעקוּמֶען אוּן הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט, אִיז אָבֶּער שְׁוֶוער, פַארְוָואס הָאט אַבְרָהָם נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט יִצְחָק, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, דָאס אִיז כְּדֵי עֵשָׂו זָאל נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט דֶעם כֹּחַ צוּ בֶּענְטְשְׁן אֵיינֶעם אוֹיף אַ וֶועג אַז דִי בְּרָכָה זָאל חַל זַיין נָאר אוֹיף אֵיינֶעם פוּן דִי קִינְדֶער פוּן דֶער וָואס וֶוערְט גֶעבֶּענְטְשְׁט, אוּן נִישְׁט אוֹיפְן צְוֵוייטְן, דֶערִיבֶּער הָאט אַבְרָהָם אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי בְּרָכוֹת צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַז עֶר זָאל בֶּענְטְשְׁן יִצְחָק, וַוייל נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט וִויאַזוֹי צוּ בֶּענְטְשְׁן אַז דִי בְּרָכָה זָאל חַל זַיין נָאר אוֹיפְן טֵייל פוּן יַעֲקֹב וָואס אִיז אִין יִצְחָק, אוּן עֵשָׂו זָאל נִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן, אוּן אַזוֹי עֶרְקְלֶערְן שׁוֹין חֲזַ"ל, אוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיֵּשֶׁב יִצְחָק עִם בְּאֵר לַחַי רֹאִי", אוּן יִצְחָק הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט בַּיים בְּאֵר לַחַי רֹאִי, הָאט רַבִּי יִצְחָק גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס הָאט דֶער בְּרוּנֶעם גֶעהֵייסְן "לַחַי רֹאִי", אוּן עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נָאר דָאס אִיז וִוייבַּאלְד יִצְחָק הָאט זִיךְ בַּאהָאפְטְן אִין דִי שְׁכִינָה וָואס זִי הָאט גֶערוּט אוֹיף דֶעם בְּרוּנֶעם, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר גֶעוָוארְן רָאוּי לִבְרָכָה אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעבֶּענְטְשְׁט, אוּן דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט אַז דִי וֶוערְטֶער "בְּאֵר לַחַי רֹאִי" מֵיינְט, דִי בְּרוּנֶעם וָואס דֶער מַלְאַךְ הַבְּרִית וָואס דָאס אִיז דִי שְׁכִינָה, הָאט זִיךְ בַּאוִוְיזְן אוֹיף אִיר, אוּן וִוייבַּאלְד דִי שְׁכִינָה הָאט זִיךְ דָארְט אֵיינְמָאל אַנְטְפְּלֶעקְט, דֶערִיבֶּער הָאט יִצְחָק בַּאשְׁטִימְט דֶעם אָרְט צוּ זִיךְ דָארְט מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן זִיךְ דָארְט בַּאהֶעפְטְן מִיט דִי שְׁכִינָה, אוּן וֶועגְן דֶעם הָאט אִים דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבֶּענְטְשְׁט, זֶעעֶן מִיר אַז עֶס אִיז דָא אַ שַׁייָכוּת צְווִישְׁן דִי דְרַיי טֵיילְן פוּנֶעם פָּסוּק.

#### דוּרְךְ זֵייעֶר תְּפִלָּה טוּעֶן דִי צַדִּיקִים פַארְמֶערְן כֹּחַ לְמַעְלָה, צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין הַשְׁפָּעוֹת פַאר אַלֶעם וָואס מֶען דַארְף

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיֶּעְתַּר יִצְחָק", אוּן יִצְחָק הָאט שְׁטַארְק

למעלה אל המזל העליון שבבחינת הכתר **דְּהָא בְּהַהוּא אֲתַר תַּלְיָין בְּנִין** כי בזה המקום תלוי לידת הבנים, וראיה לדבר **דִּכְתִיב וַתִּתְפַּלֵּל עַל יהו״ה** שחנה התפללה להמשיך בנים ממזל העליון היינו מבחינת הכתר שהוא למעלה על התפארת הנקרא יהו״ה, **וּכְדֵין וַיֶּעְתַּר לוֹ ה׳** ומפרש **אַל תִּקְרֵי וַיֶּעְתַּר לוֹ** בע׳ **אֶלָּא וַיֵּחָתֵר לוֹ** בח׳, כי אותיות אחה״ע מתחלפות, והיינו **חֲתִירָה חָתַר לֵיהּ קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וְקַבִּיל לֵיהּ** כי חתירה חתר לו הקב״ה וקבל את תפלתו, **וּכְדֵין וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ** למעלה מדרך הטבע. (רמ״ק וכ״פ ומפרשים)

**תָּא חֲזֵי עֶשְׂרִין שְׁנִין אִשְׁתְּהֵי יִצְחָק עִם אִתְּתֵיהּ וְלָא אוֹלִידַת עַד דְּצַלֵּי צְלוֹתֵיהּ** בא וראה עשרים שנה נשתהה יצחק עם אשתו ולא הולידה עד שהתפלל עליה, ואז ותהר רבקה אשתו, **בְּגִין דְּקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אִתְרְעֵי בִּצְלוֹתְהוֹן דְּצַדִּיקַיָּא** לפי שהקב״ה מתאוה ורוצה בתפלתם של הצדיקים **בְּשַׁעְתָּא דְּבָעָאן קַמֵּיהּ צְלוֹתְהוֹן עַל מַה דְּאִצְטְרִיכוּ** בשעה שהם מבקשים לפניו בתפלתם על מה שהם צריכים, **מַאי טַעְמָא, בְּגִין דְּיִתְרַבֵּי וְיִתּוֹסַף רְבוּת קֻדְשָׁא לְכָל מַאן** (דף קלז ע״ב) **דְּאִצְטְרִיךְ** הטעם הוא כדי שיתרבה ויתוסף שפע עליון הנקרא שמן משחת קודש לכל מי שצריך, **בִּצְלוֹתְהוֹן דְּצַדִּיקַיָּיא** ע״י תפלתם של הצדיקים, כי בתפלתם הם מוסיפים כח למעלה ועי״ז נשפע שפע רב לכל מי שצריך. (דף קלז ע״א-ע״ב, ובביאורינו כרך ג עמ׳ קנה)

## כל ההתחכמויות שעשה יעקב עם עשו היו כדי להכניע את הס״מ

**תָּא חֲזֵי, יַעֲקֹב הֲוָה יָדַע דְּעֵשָׂו הֲוָה לֵיהּ לְאִתְדַּבְּקָא בְּהַהוּא חִוְיָא עֲקִימָא** בא וראה יעקב היה יודע שעשו ראוי לו להתדבק בנחש העקום שהוא הס״מ כי שם שורשו, **וְעַל דָּא בְּכָל עוֹבָדוֹי אִתְמַשִּׁיךְ עֲלֵיהּ כְּחִוְיָא עֲקִימָא אָחֳרָא** ועל כן בכל מעשיו השתדל להתחכם כנגדו ונהג עמו כנחש עקום אחר מצד הקדושה (דף קלח ע״ב) **בְּחָכְמְתָא בַּעֲקִימוּ, וְהָכִי אִצְטְרִיךְ** והלך עמו בהתחכמות ובעקמימות כדי להדיחו מנחלת ה׳ וכך היה צריך להיות, ר״ל לפי שראה יעקב מעשיו

### אידיש

גֶעבֶּעטְן, דָאס מֵיינְט אַז יִצְחָק הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען זַיין תְּפִלָּה, און דוּרְכְדֶעם הָאט עֶר גֶעגְרָאבְּן אַ גְרָאבּוּנְג לְמַעְלָה צוּם מַזָּל הָעֶלְיוֹן וָואס אִיז אִין דִי בְּחִינָה פוּנֶעם כֶּתֶר, וַוייל אִין דֶעם אָרְט אִיז תָּלוּי דָאס גֶעבּוֹירְן קִינְדֶער, און אַ רְאָיָה דֶערְצוּ אִיז דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַתִּתְפַּלֵל עַל ה׳", און זִי הָאט גֶעבֶּעטְן צוּם אויבֶּערְשְׁטְן, וַוייל חַנָּה הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, צוּ מַמְשִׁיךְ זַיין קִינְדֶער פוּנֶעם מַזָּל הָעֶלְיוֹן, דָאס הֵייסְט פוּן דִי בְּחִינָה פוּנֶעם כֶּתֶר וָואס אִיז הֶעכֶער ווִי דִי בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הֲוָיָ״ה, און דֶעמָאלְטְס "וַיֶּעְתַּר לוֹ ה׳", הָאט דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער צוּ גֶעהֶערְט זַיין תְּפִלָּה, און דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט, לֵיין עֶס נִישְׁט "וַיֶּעְתַּר לוֹ", מִיט אַן ע׳, עֶר הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט בֶּעטְן צוּ אִים, נָאר "וַיֵּחָתֵר לוֹ", מִיט אַ ח׳, עֶר הָאט גֶעגְרָאבְּן, וַוייל דִי אוֹתִיּוֹת אחה״ע טוּישְׁן זִיךְ אֵיינְס מִיטְן אַנְדֶערְן, דָאס הֵייסְט אַז דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגְרָאבְּן פַאר אִים אַ גְרָאבּוּנְג און הָאט אָנְגֶענוּמֶען זַיין תְּפִלָּה, און דֶעמָאלְטְס "וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ", אִיז זַיין וַוייבּ רִבְקָה גֶעוָוארְן טְרָאגֶעדִיג, לְמַעְלָה מִדֶּרֶךְ הַטֶּבַע.

**קוּם** און זֶע, צְוָואנְצִיג יָאר הָאט יִצְחָק גֶעזוּימְט מִיט זַיין וַוייבּ און זִי הָאט נִישְׁט גֶעבּוֹירְן קֵיין קִינְדֶער, בִּיז עֶר הָאט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אוֹיף אִיר, און דֶעמָאלְטְס אִיז זַיין וַוייבּ רִבְקָה טְרָאגֶעדִיג גֶעוָוארְן, וַוייל דֶער אויבֶּערְשְׁטֶער גְלוּסְט און עֶר ווִיל דִי תְּפִלָּה פוּן דִי צַדִּיקִים, אִינְדֶערְצַייט וָואס זֵיי בֶּעטְן פַאר אִים מִיט זֵייעֶר תְּפִלָּה דָאס וָואס זֵיי דַארְפְן, וָואס אִיז דֶער טַעַם דֶערְפוּן, נָאר, כְּדֵי עֶס זָאל פַארְמֶערְט און צוּגֶעגֶעבְּן וֶוערְן שֶׁפַע עֶלְיוֹן, וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שֶׁמֶן מִשְׁחַת קֹדֶשׁ" פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס דַארְף, דוּרְךְ דִי תְּפִלָּה פוּן דִי צַדִּיקִים, וַוייל דוּרְךְ זֵייעֶר תְּפִלָּה טוּעֶן זֵיי פַארְמֶערְן כֹּחַ לְמַעְלָה, און דוּרְכְדֶעם וֶוערְט נִשְׁפַּע שֶׁפַע רַב פַאר יֶעדֶער אֵיינֶער וָואס דַארְף.

### אַלֶעס וָואס יַעֲקֹב הָאט גֶעטוּן צוּ אִיבֶּערְקְלִיגְן עֵשָׂו, אִיז גֶעוֶוען כְּדֵי צוּ מַכְנִיעַ זַיין דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם

**קוּם** און זֶע, יַעֲקֹב הָאט גֶעווּאוּסְט אַז עֶס אִיז פַּאסִיג פַאר עֵשָׂו זִיךְ צוּ מְדַבֵּק זַיין אִינֶעם קְרוּמֶען נָחָשׁ וָואס עֶר אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וַוייל דָארְט אִיז זַיין שׁוֹרֶשׁ, און דֶערִיבֶּער, הָאט עֶר אִין אַלֶע זַיינֶע מַעֲשִׂים פְּרָאבִּירְט זִיךְ צוּ קְלִיגְן אַנְטְקֶעגְן עֵשָׂו און עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִירְט מִיט עֵשָׂו אַזוֹי ווִי אַן אַנְדֶערֶע קְרוּמֶער שְׁלַאנְג מִצַּד הַקְּדֻשָּׁה, און אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים מִיט קְלוּגְשַׁאפְט און מִיט קְרוּמְקֵייט כְּדֵי אִים אַוֶועקְצוּשְׁטוּיסְן פוּן נַחֲלַת ה׳, און אַזוֹי הָאט גֶעדַארְפְט זַיין, דָאס הֵייסְט, אַז ווִיבַּאלְד יַעֲקֹב הָאט גֶעזֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע

הרעים של עשו, וידע שאם ישאר בקדושה יפגום בעונותיו בספירות הקדושות, לכן דחה אותו למטה בהקליפות כדי שלא יגיעו פגמיו בקדושה אלא בשרו שהוא הס״מ, **וְאַתְיָיא דָא כִּי הָא דְּאָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן** ודבר זה דומה למה שאמר ר״ש על **מַאי דִּכְתִיב וַיִּבְרָא אלהי״ם אֶת הַתַּנִּינִם הַגְּדוֹלִים, דָּא יַעֲקֹב וְעֵשָׂו** שנדמים לתנינים גדולים, ור״ל עשו נקרא תנין לפי שהיה מנחש הקדמוני, ויעקב נקרא ג״כ תנין שהוא סוד התפארת דקדושה, והתנין דקדושה עומד נגד הס״מ לבטל כחו שלא יהיה לו אחיזה במלכותא קדישא, ובא ר״ש להודיע שכבר קדם זכרם ומאורעותיהם בידיעה העליונה בשעת הבריאה, **וְאֵת כָּל נֶפֶשׁ הַחַיָּה הָרוֹמֶשֶׂת** פירוש **אִלֵּין שְׁאָר דַּרְגִּין דְּבֵינַיְיהוּ** אלו הם שאר מדרגות שבין הקדושה והסטרא אחרא, והם המלאכים וההיכלות שבין המלכות דקדושה לבין הקליפות, **וַדַּאי אִתְעֲבִיד יַעֲקֹב חַכִּים לָקֳבְלֵיהּ דְּהַהוּא חִוְיָא אָחֳרָא וְהָכִי אִצְטְרִיךְ** ודאי יעקב נעשה חכם ללכת בערמה כנגד הנחש האחר דקליפה שהוא הס״מ וכך היה צריך להיות. (דף קלח ע״א-ע״ב, ובביאורינו כרך ג עמ׳ קס-קסא)

## אידיש

מַעֲשִׂים פוּן עֵשָׂו, אוּן עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֵשָׂו בְּלַייבְּן אִין דִי קְדֻשָּׁה וֶועט עֶר פּוֹגֵם זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע סְפִירוֹת דוּרְךְ זַיינֶע זִינְד, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אִים דוֹחֶה גֶעוֶועזְן לְמַטָּה אִין דִי קְלִיפּוֹת כְּדֵי זַיינֶע פְּגָמִים זָאלְן נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין דִי קְדֻשָּׁה, נָאר אִין זַיין אֵייגֶענֶער שַׂר וָואס עֶר אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם, אוּן דֶער זַאךְ אִיז עֶנְדְלִיךְ צוּ דָאס וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק "וַיִּבְרָא אֱלֹקִים אֶת הַתַּנִּינִם הַגְּדֹלִים", אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי גְרוֹיסֶע פִישׁ, דָאס זֶענֶען יַעֲקֹב אוּן עֵשָׂו וָואס זֵיי זֶענֶען עֶנְדְלִיךְ צוּ דִי גְרוֹיסֶע פִישׁ, אוּן דָאס מֵיינְט צוּ זָאגְן אַז עֵשָׂו אִיז אָנְגֶערוּפְן גֶעוָוארְן אַ תַּנִּין, ווִיבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶועזְן פוּנֶעם נָחָשׁ הַקַּדְמוֹנִי, אוּן יַעֲקֹב וֶוערְט אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן תַּנִּין, וַוייל עֶר אִיז דֶער סוֹד פוּן דִי בְּחִינָה פוּן תִּפְאֶרֶת דִקְדֻשָּׁה, אוּן דֶער תַּנִּין דִקְדֻשָּׁה שְׁטֵייט אַנְטְקֶעגְן דֶעם סַמֶ״ךְ מֶ״ם, צוּ צוּשְׁטֶערְן זַיין כֹּחַ אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן אַן אֲחִיזָה אִין דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּתָא קַדִּישָׁא, אוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן קוּמְט אוּנְז לָאזְן ווִיסְן אַז זֵייעֶר אָנְדֶענְק אוּן זֵייעֶרע גֶעשֶׁעֶענִישְׁן אִיז שׁוֹין פְּרִיעֶר גֶעקוּמֶען אִינֶעם יְדִיעָה הָעֶלְיוֹנָה אִינְדֶערְצַייט פוּן דִי בְּרִיאָה, אוּן דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין הֶמְשֵׁךְ פוּנֶעם פָּסוּק "וְאֵת כָּל נֶפֶשׁ הַחַיָּה הָרֹמֶשֶׂת", אוּן אַלֶע לֶעבֶּעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן וָואס קְרִיכְן, דָאס מֵיינְט מֶען דִי אַנְדֶערֶע מַדְרֵגוֹת וָואס זֶענֶען דָא צְווִישְׁן דִי קְדֻשָּׁה אוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן זֵיי זֶענֶען דִי מַלְאָכִים אוּן דִי הֵיכָלוֹת וָואס זֶענֶען צְווִישְׁן דִי בְּחִינָה פוּן מַלְכוּת דִקְדֻשָּׁה, אוּן צְווִישְׁן דִי קְלִיפּוֹת, אִיז זִיכֶער אַז יַעֲקֹב אִיז גֶעוָוארְן אַ חָכָם צוּ גֵיין מִיט קְלוּגְשַׁאפְט קֶעגְן דֶעם אַנְדֶערְן נָחָשׁ פוּן דִי קְלִיפָּה, וָואס דָאס אִיז דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם, אוּן אַזוֹי הָאט גֶעדַארְפְט זַיין.

### שבח דא שירתא

דֶער רַמַ״ק שְׁרַייבְּט: אוֹיךְ דָא בַּיים שְׁרַייבְּן דֶער סֵפֶר הַזֹּהַר אִיז גֶעוָוארְן אַ הַכְנָעָה וּבִטּוּל הַחִיצוֹנִים דוּרְכְן שְׁרַייבְּן, וַוייל נִישְׁט נָאר דוּרְכְן זָאגְן אִיז נִתְגַּלֶּה גֶעוָוארְן דִי סוֹדוֹת וָואס זָאל הָאבְּן אַ תּוֹעֶלֶת נָאר צַייטְוַויילִיג, נָאר זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ אַרוֹיפְגֶעבְּרֶענְגְט דִי סוֹדוֹת בִּכְתָב אַז עֶס זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן לְדוֹרוֹת, וַוייל דֶער חִבּוּר אִיז גֶעוֶוען בְּסוֹד הַדַּעַת וְכוּ׳ וָואס דָאס אִיז דֶער יָם הַתּוֹרָה, אוּן דִי חִיצוֹנִים וֶוערְן אַיינְגֶעזִינְקֶען אוּן בַּאדֶעקְט אוּנְטְן אִינֶעם נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא, אוּן דִי אִידְן וָואס זֵיי זֶענֶען דִי צַדִּיקִים "הוֹלְכִים בַּיַּבָּשָׁה בְּתוֹךְ הַיָּם", גֵייעֶן אִינֶעם טְרוּקֶענִישׁ אִינֶעם יָם, דָאס מֵיינְט, צוּ שְׁטֵיין אוּן בַּאגְרֵייפְן דִי פֵּייעֶר פוּן תּוֹרָה אוּן אִירֶע סוֹדוֹת, וָואס דִי גְבוּרָה מַאכְט פַאר זֵיי אַ יַבָּשָׁה אוּן אַ מַעֲמָד אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין סוֹדוֹת הַתּוֹרָה נָאר דָארְט וואוּ עֶס אִיז פַּאסִיג פַאר זֵיי, אוּן זֵיי זָאלְן נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין דִי טִיפֶע עֶרְטֶער פוּנֶעם אָפְּגְרוּנְד, וָואס זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען שְׁווִימֶען אִיבֶּער דִי וַואסֶער. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען מֶען אִיז עוֹסֵק אִינֶעם זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז מֶען מְעוֹרֵר דֶער כֹּחַ הַנְּשָׁמוֹת אוּן דֶער כֹּחַ הַצַּדִּיקִים מִיטְן כֹּחַ פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִשְׁתַּתֵּף גֶעוֶוען אִינֶעם חִבּוּר הַזֹּהַר, אוּן דוּרְכְדֶעם אִיז מֶען מְבַטֵּל דֶעם כֹּחַ הַחִיצוֹנִים.

(אור יקר תקוני הזוהר כרך א׳ עמ׳ רכ״ב, הובא בספרנו שערי זהר שער ט׳ פרק ח׳)


צו באקומען דעם גליון יעדע וואך שיקט א אימייל צו:
3022233@gmail.com

הַזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ" ע"פ "מָתוֹק מִדְּבַשׁ" הפירוש הנפלא שהתקבל בכל תפוצות ישראל



קלענער סעט – מהדורת ר׳ הערשל וועבער
(In 7/5)



גרויסע סעט (In 9.5/6.5)



"ובלכתך בדרך"
פארמאט
70 כרכים
מהדורת ר׳ יוסף צבי
בערנער
(In 6.5/4.5)

פאר דעליווערי רופט:
845.664.5168
www.matokmidvash.com